אברהם שולמאַן (ניו־יאָרק)

# די וועגן פון דער יידישער ליטעראַטור: אַ דריטע מיינונג

דער ניו יאָרקער יידישער פען־קלוב האָט אַדורכגעפירט אַ ליטעראַרישן סימפּאָזיום. די טעמע איז פאָרמולירט געוואָרן אַקאַדעמיש: „די וועגן פון דער יידישער ליטעראַטור — טראַדיציע צי מאָדערניזם".* פון דער געשטעלטער פראַגע האָט געקאָנט אַרויסדרינגען, אַז איינס שליסט אויס דאָס אַנדערע, אַז אַ ליטעראַטור קאָן נישט זיין ביידע זאַכן מיטאַמאָל.

אָבער דער ערשטער באַטייליקטער אין סימפּאָזיום, י. הירשהויט, האָט באַלד פון אָנהייב געזאָגט, אַז מאָדערניזם און טראַדיציע זענען „צוויי ציגל צו איין בנין" און ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם ענין אויף אַ צווייטער פלאַך: וואָס פאַראַ ראָלע שפּילט טראַדיציע אין דער יידישער ליטעראַטור. דערמיט איז די טעמע אַוועק אויף אַן אַנדערן וועג; אויף אַן אַנדערן אָבער נישט אויף אַ נייעם, ווייל עס האָט געהאַט צו טון מיט אַן אַלטן פילפול, וועלכער איז לויט דער מיינונג פון אַ דריטן באַטייליקטן אין דעם סימפּאָזיום, פון דעם וואָס שרייבט די שורות, שטענדיק געהאָנגען און הענגט עד היום ווי אַן אומגערעכטער און אַפילו שעדלעכער שטיין איבערן קאָפּ פון דער יידישער ליטעראַטור.

י. הירשהויט האָט קודם כל פאָרמולירט דאָס, וואָס ער מיינט מיטן וואָרט טראַדיציע אין דער ליטעראַטור. דאָס איז, האָט ער געזאָגט, אַן אָנגענומענער און איינגעשטעלטער אופן פון שרייבן; אַז דער אופן פון שרייבן באַשטייט אין דעם, וואָס די יידישע ליטעראַטור איז אויפגעקומען ווי „אַ פאָלקס־ליטעראַטור אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּע און האָט געצויגן איר יניקה פון אַלטע מקורות"; אַז „די יידישע ליטעראַטור איז פון שטענדיק אָן געווען אויסגעשטעלט אויף פרעמדע השפעות", אָבער אַז נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, אויף די אַלע השפעות, איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג סיי לויט איר אינהאַלט און סיי לויט איר אידעאישן מהות, די יידישע ליטעראַטור אין עצם געבליבן געטריי צו איר יידישער טראַדיציע". און דאָ קומט הירשהויט צום לעצטן און גענעראַלן אויספיר, וואָס איז די אונטערגעצויגענע שורה און זאָגט ענדגילטיק אויס, אין וואָס די יידישע טראַדיציע באַשטייט.

ער זאָגט אַז „היינט פונקט ווי אַמאָל האַלט אָן די יידישע ליטעראַטור דעם המשך פון שווערן דורותדיקן געראַנגל פאַרן יידישן קיום און גיט אַ שטאַרקן אויסדרוק צו דעם ספּעציפיש־יידישן עטישן און אידעאישן וועלט־באַנעם. אָט די טראַדיציע איז דער שטאַרקסטער אָדער גאָר דער איינציקער כוח, וואָס פאַרזיכערט אונדז אונדזער מענטשלעכע אַנדערשקייט, אָן וועלכער עס קאָן נישט געמאָלט זיין קיין יידישער קיום".

י. הירשהויט גייט נאָך אָן ווייטער אין דעם זעלבן נוסח, אָבער די לעצטע פּאָר שורות זענען גענוג, אַז דעם לייענער זאָל אָנהייבן אַ ביסל צו שווינדלען פאַר די אויגן: אַז ער זאָל זיך מוזן ווידעראַמאָל אומקערן צו דעם, וואָס ער האָט געלייענט און פּרוּוון פאַרשטיין, וואָס עס איז דאָ געזאָגט געוואָרן.

איך אַליין האָב פון דעם געזאָגטן פאַרשטאַנען אָט וואָס:

אַז די יידישע ליטעראַטור פון היינט — פונקט ווי פון פריער — פירט אַ געראַנגל פאַרן קיום פון יידישן פאָלק.

אַז די יידישע ליטעראַטור גיט אַ שטאַרקן אויסדרוק צום ספּעציפיש־יידישן עטישן און אידעאישן וועלט־באַנעם.

אַז די טראַדיציע, אויף וועלכער עס ווערט געשאַפן די יידישע ליטעראַטור, איז דער שטאַרקסטער אָדער אַפילו דער איינציקער כוח, וואָס האַלט אויף אונדזער מענטשלעכע אַנדערשקייט.

מיט אַנדערע ווערטער: אויב מען זאָל נעמען די זעלבע רייד און זיי צענעמען אויף אירע באַזונדערע עלעמענטן און שפּעטער פון די זעלבע עלעמענטן צוריק אויפשטעלן אַ צענטראַלע דעפיניציע וועגן דעם, וואָס די יידישע ליטעראַטור איז און וואָס די יידישע ליטעראַטור דאַרף זיין, וועט אויסקומען, אַז עס איז דער חוב פון יעדן יידישן שרייבער צו פירן אַ געראַנגל פאַרן קיום פון יידישן פאָלק; אַז עס איז דער חוב פון דער יידישער ליטעראַטור צו געבן אַן אויסדרוק דעם יידישן וועלט־באַנעם; און אַז עס איז אויך דער חוב פון דער יידישער ליטעראַטור צו פאַרזיכערן אונדזער „מענטשלעכע אַנדערשקייט".

מיט נאָך אַנדערע ווערטער: דער יידישער שרייבער האָט אינגאַנצן אַנדערע פליכטן ווי עס האָט אַ נישט־יידישער שרייבער. ווען אַ גויאישער שרייבער — לאָמיר זאָגן דער פראַנצויז גוסטאַוו פלאָבער — האָט געוואָלט אָנשרייבן „מאַדאַם באָוואַרי", האָט ער נישט געדאַרפט זאָרגן דערפאַר, אַז דער ראָמאַן זיינער זאָל זיך באַטייליקן אין געראַנגל פאַרן פראַנצויזישן פאָלק; עס איז פאַר אים גענוג געווען ער זאָל אָנשרייבן אַ מענטשלעכע דראַמע פון אַ פרוי, וואָס האָט געלעבט אַ פאַרלוירענע אין אַ געסטאָיעטער פּראָווינץ, פון וועלכער זי האָט זיך געוואָלט אַוועקרייסן און איז טראַגיש אומגעקומען אין אַ פאָרויס־פאַרשפּילטן געראַנגל. פונקט אַזוי האָט דזשאָנאַטאַן סוויפט ביים אָנשרייבן „גוליווערס רייזעס" נישט געדאַרפט זיך פאַרנעמען מיט איינהאַלטן די ווערטן פון ענגלישן וועלט־באַנעם, און פונקט אַזוי האָט אַנטאָן טשעכאָוו ביים שרייבן דעם „קאַרשן־גאָרטן"...

מיט איין וואָרט: די שווערע געבאָטן, וואָס קערעווען מיט די פעדערס פון יידישע שרייבערס זענען

---

* זע „די צוקונפט", פעברואַר 1978. די רעדאַקציע איז מודיע, אַז זי איז פאַראינטערעסירט אין אָנהאַלטן אַ ווייטערדיקע דיסקוסיע וועגן דער דאָזיקער טעמע. שרייבערס וואָס וואָלטן געוואָלט אויסדריקן זייער מיינונג וועגן דעם ענין ווערן געבעטן צוצושיקן זייערע אַרבעטן, וועלכע דאַרפן זיין קאָנדענסירט און זאַכלעך.

חיים פלאָטקין (ניו־יאָרק)

# ביים ים

**א**

אַ כוואַליע טוט אַ קוש דעם ברעג
און לויפט אַוועק.

די זעלבע כוואַליע
וועט קומען צוריק?
מיין בליק
פּרוּווט ציילן
די הימל־בלאָע
שורות
שוימיקע טרעפּ.

מיט ימיקן ניגון
מיינע אויערן ווערן פול.
ווער וועט די כוואַליעס פּאַרוויגן,
אויב דער ווינט וועט ווערן שטיל?

**ב**

די יונגע זון
האַלט נאָך פאַרשלאָסן איר פייער.
אירע גאָלדענע פעדעם
זענען מילד און טייער.

אַ נאַקעטער
פון שיפל איך שפּרינג
און ברעך די כוואַליעס
רינג נאָך רינג.

אין לעבעלעכן וואַסער,
קרישטאָלענעם בלאָ,
איך טויך
אַראָפּ
ביזן דנאָ.

די קילקייט ווערט שאַרפער,
ווי גלאָז נישט געשליפן.
פישעלעך קליינע
פּרוּוון מיט מיר שטיפן.

און מאָדנע געוויקסן:
זיי שווימען?
אָט דוכט זיך —
איך ווער פון זיי אַרומגענומען.

דער זאַלציקער טעם —
פייער אויף דער צונג.
איך שווים
מיטן פחד
פון אַ מענטש וואָס זינקט.

מיין מוח ווערט פול
מיט סודות
פון ימיקע טיפן,
מיט זומפיקע דנאָען,
מיט שליימיקע תהומען,
מיט געזונקענע שיפן,
וואָס שיקן סימנים
אַ סלופּ,
אַ שטריק פון אַ מאַסט —

---

## דרייצנטע יערלעכע ליטעראַטור־פּרעמיע

### אויפן נאָמען פון „זכריה גאַנאַפּאָלסקי"
### פאַר אַ בוך אין יידיש

דער קאָמיטעט פון דער ליטעראַטור־פּרעמיע אויפן נאָמען פון פּאַריזער עסקן, זכריה גאַנאַפּאָלסקי ע"ה, גרייט איצט דאָס צוטיילן די דרייצנטע יערלעכע ליטעראַטור־פּרעמיע פאַר אַ בוך אין יידיש, דערשינען אין יאָר 1977.

ביז איצט זענען צוגעטיילט געוואָרן פּרעמיעס צו פאָלגנדיקע מחברים:

הירש אָשעראָוויטש, ד"ר שלמה ביקל, יצחק בראַט, נפתלי זילבערבערג, וואָלף יאָסני, מ. ליטווין, מענדל מאַן, נתן מאַרק, ד"ר יעקב מייטליס, יהודה עלבערג, יוסף פּאַפּיערניקאָוו, חיים לייב פוקס, יחזקאל קאָרן־הענדלער און יעקב צבי שאַרגעל.

די באַדינגונגען אויף באַטייליקן זיך אין ליטעראַטור־קאָנקורס זענען:

1) דער פּרייז אין דער הויך פון 2500 פראַנק וועט צוגעטיילט ווערן פאַר אַ בוך אין יידיש, דערשינען אין יאָר 1977.

2) מען בעט צושיקן צוויי עקזעמפּלאַרן פון דער אויסגאַבע, מיטן צושריפט: „פאַרן זכריה גאַנאַפּאָלסקי פּרעמיע־קאָמיטעט".

3) דער פּרייז ווערט צוגעטיילט יעדן 4־טן דעצעמבער, די יאָרצייט־דאַטע פון עסקן זכריה גאַנאַפּאָלסקי ע"ה.

4) אַ שוין פּרעמירט בוך וועט נישט גענומען ווערן אין אַכט.

5) דער לעצטער טערמין אויף צו באַקומען די ביכער איז סוף חודש אויגוסט.

מען בעט שיקן די ביכער מיט געוויינלעכער פּאָסט, ד. ה. נישט־רעקאָמענדירט, אויף פאָלגנדיקן אַדרעס:

CH. KORENCHANDLER
36, Av. du General Michel Bizot, Paris XII

לחלוטין נישט חל אויף די שרייבערס, וואָס האָבן דאָס מזל צו זיין גוים.

אויף דעם אַלעם קאָן מען אָבער ענטפערן — און מען ענטפערט טאַקע — אַז דאָס, וואָס איך האָב דאָ געפרואווט צו טון, איז פאַלש. אַז מען קאָן נישט און מען טאָר נישט מאַכן אַזעלכע פאַרגלייכן. פאַרוואָס? ווייל די יידישע ליטעראַטור איז אַנדערש פון אַלע אַנדערע, און ווייל דער גורל פון יידישן פאָלק איז אַנדערש ווי עס איז דער גורל פון אַלע אַנדערע פעלקער. אַז דאָס, פון וואָס גויאישע שרייבערס זענען פריי, איז אימפעראַטיוו פאַר די יידישע. דאָס הייסט, אַז עס איז אמת וואָס י. הירשהויט האָט פאָרמולירט, אַז אַ יידישער שרייבער איז מחויב צו זאָרגן נישט בלויז וועגן גורל פון זיינע העלדן, נאָר ער דאַרף וועגן זיי זאָרגן אַזוי, אַז דער גורל פון די העלדן זאָל זיך דעקן מיטן גורל פון יידישן פאָלק.

צי איז עס אָבער אמת? צי איז אמת, אַז אויף די פלייצעס פון דער יידישער ליטעראַטור ליגן אַזעלכע שווערע און מאַסיווע חובות? ווייל אויב דאָס וואָלט געווען אמת, וואָלט מען געמוזט קומען צו אַן אומהיימלעכן אויספיר: אַז די גאָר גרעסטע טייל יידישע שרייבערס האָט נישט אויסגעפירט איר נאַציאָנאַלן חוב און האָט זיך נישט געהאַלטן ביי די אַלע געבאָטן. ווייל עס איז גענוג צו מאַכן די סאַמע בחפזונדיקע עקסקורסיע איבער דער יידישער ליטעראַטור און צו זען, אַז ווי שיין עס זאָל נישט קלינגען די טעאָריע, איז אָבער די ווירקלעכקייט אינגאַנצן אַן אַנדערע.

ווייל וואו — למשל געפינט זיך דער געראַנגל פאַרן יידישן קיום אין שלום עליכמס „מאָטל פייסי"? אָדער אין דער מעשה וועגן מילך־ייד טוביה? וואו געפינט זיך דער געראַנגל פאַר דער מענטשלעכער אַנדערשקייט אין שלום אַשס „מאָטקע גנב"? אין יהושע פערלעס „יידן פון אַ גאַנץ יאָר"? אין י. מ. וויסנבערגס „אַ טאַטע מיט בנים"? אין פרצעס „אַ כעס פון אַ יידענע"? אין משה נאַדירס „מעכעליעלע"? אין י. י. זינגערס „חבר נחמן"? און אין די אַלע הונדערטער און הונדערטער ראָמאַנען און דערציילונגען און פאָעמעס און לידער, וואָס מען קאָן זיי אַרויסלייענען פון ערשטן בעסטן קאַטאַלאָג פון דער יידישער ליטעראַטור. די ליסטע מיט נעמען וואָלט געווען אַזאַ לאַנגע, אַז זי וואָלט פאַרנומען דעם גאַנצן נומער „צוקונפט" און עס וואָלט נאָך אפשר געבליבן מאַטעריאַל אויף אַ צווייטן.

דער אמת איז לחלוטין אַ פאַרקערטער: אדרבה, זאָל עמעצער קומען און פרואוון אויפשרייבן אַ ליסטע פון די נעמען פון יידישע שרייבערס, וואָס האָבן געפירט אַ „שווערן דורותדיקן געראַנגל פאַרן יידישן קיום", וואָלט ער נישט געוואוסט וואו אָנצוהייבן. און דאָס איז אַ גרויס גליק פאַר דער יידישער ליטעראַטור. ווייל אַן אמתדיקער שרייבער ווייסט דערפון, אַז ווען ער וואָלט זיך אַוועקגעזעצט ביים שרייבטיש און וואָלט אין זינען געהאַט אויסצופירן די אַלע זאַקאָנען, וואָלט ער געווען אַ זייער שלעכטער און אַ לא־יצלחדיקער שרייבער.

לאָמיר אָבער זיין לאָיאַל און זאָגן, אַז י. הירשהויט איז נישט דער ערשטער און נישט דער איינציקער, וואָס האָט אָנגעהאָנגען אויפן יידישן שרייבער אַזעלכע שווערע געוויכטער. אין דער יידישער ליטעראַטור זענען פון שטענדיק אָן — פון סאַמע בראשית — געווען קריטיקער און פובליציסטן, וואָס האָבן טאַקע געלערנט, אַז יידישע שרייבערס דאַרפן נישט בלויז זיין שרייבערס, נאָר פרעדיקערס. דער סאַמע אויפקום פון דער יידישער ליטעראַטור איז באַגלייט געוואָרן מיט אַזעלכע „דירעקטיוון", אַז דאָס שרייבן איז בלויז אַ מיטל צו אַ ציל און אַז דער ציל איז צו לערנען דאָס יידישע פאָלק. דאָס זענען געווען די באַגלייט־לאָזונגען פון די משכילישע שרייבערס. די אויפגייענדיקע יידישע ליטעראַטור איז לויט זיי — די קדמונים — געווען דער המשך פון די מוסר־ספרים. דער אונטערשיד איז בלויז געווען דער, וואָס מוסר־ספרים האָבן געלערנט יידן צו זיין יידן און די וועלטלעכע ליטעראַטור האָט געדאַרפט לערנען די יידן צו זיין מענטשן. אָבער אויך דאָ איז דער טראָפ געלייגט געוואָרן אויף „לערנען".

didactic strain

אַפילו שפעטער, ווען עס איז שוין געווען קלאָר, אַז די יידישע ליטעראַטור איז אין דער פראַקטיק אַוועק ווייט פון דער טעאָריע, האָט שמואל ניגער, דער גרעסטער און אפשר דער איינציקער פראָפעסיאָנעלער יידישער ליטעראַטור־קריטיקער, נישט געוואַקלט זיך צו זאָגן, אַז „די יידישע ליטעראַטור איז אַ בית־מדרש און אַז די יידישע שרייבערס זענען בעלי־תפילות".

אַזאַ איז געווען זיין דעפיניציע, כאָטש די טעאָריע האָט זיך ביי אים אַליין אינגאַנצן סותר געווען מיט דער פראַקטיק. דער בעסטער באַווייז איז דאָס, אַז ווען ער אַליין האָט זיך אַוועקגעזעצט מעסטן און וועגן אַ ווערק פון אַ יידישן שרייבער, האָט ער אים באַהאַנדלט נישט ווי אַ בעל־תפילה, וואָס דאַוונט אין אַ בית־מדרש, נאָר ער האָט ביי אים געזוכט און פאַרלאַנגט אינגאַנצן עפעס אַנדערש — ער האָט ביי אים קודם כל געזוכט שרייבערישן טאַלאַנט, קינסטלערישקייט, שפראַך, סטיל, מענטשלעכן אמת. מענטשלעכן — און נישט דווקא יידישן. דעמאָלט האָט ביי ניגערן געהערשט בלויז איין קריטעריע: צי דער שרייבער איז אַ שרייבער? אַפילו אין זיינע צאָלרייכע אָפהאַנדלונגען וועגן דעם באמת־נאַציאָנאַלן מיסיע־שרייבער ווי עס איז געווען ה. לייוויק, איז ש. ניגער מער פאַרכאַפט געוואָרן פון דער גרויסאַרטיקייט פון דער פאָעטישער שפראַך ווי פון לייוויקס משיחישע און יסורימדיקע אידעען.

דאָס אַלץ איז אַזוי קאַרדינאַל און אַזוי פשוט, אַז עס קלינגט נאַאיוו און אַ ביסל, לאָמיר זאָגן, פאַראָכיאַל, זיך ווידער אומצוקערן צום זעלבן. אָבער דער אמת איז, אַז אין דער יידישער ליטעראַטור האָט פון אייביק געהערשט (און ווי מיר זעען פון סימפאָזיום — הערשט ווייטער) אַזאַ אויסטערלישע נישט־קאָנסעקווענטקייט. מיר האָבן נאָך אַלץ ליטעראַרישע וועגווייזערס, וואָס שטייען מיט אַלטפרענקישע נאַפט־לעמפלעך אין די הענט און ווייזן אָן, ווי אַזוי אַ שרייבער דאַרף „אויספילן זיין נאַציאָנאַלע מיסיע". אָבער צום גליק האָבן זיך אונדזערע שרייבערס זייער זעלטן צוגעהערט צו די אַלע דרשות און דעריבער זענען אויפגעקומען אַזעלכע גרויסע „נח פאַנדרעס" פון זלמן שניאור, „סטאַווקע־געסל" דערציילונגען פון אפרים קאַגאַנאָווסקי, אָפאַטאָשוס „ראָמאַן פון אַ פערד־גנב", די „סאָנעטן" פון מאַני לייב און „סיביר" פון אברהם סוצ־

קעוועֶר.

די טעמע פון אַלע ליטעראַטורן — און די יידישע איז נישט געווען קיין אויסנאַם — איז שטענדיק געווען דער מענטש. נישט דער ציל פון מענטש און נישט דער זינען פון מענטש. נאָר דער מענטש אַליין. רעדנדיק וועגן די צילן פון קונסט האָט אַנטאָן טשעכאָוו געמאַכט אַן אונטערשיד צווישן „ליזן אַ פּראָבלעם" און צווישן „אַוועקשטעלן ריכטיק אַ פּראָבלעם" און ער האָט געפסקנט, אַז בלויז דאָס צווייטע איז גילטיק פאַרן קינסטלער. דאָס שליסט נישט אויס, אַז עס זאָל שפּעטער קומען דער לייענער אָדער דער קריטיקער און אַרויסדרינגען וואָס דער שרייבער האָט „געמיינט צו זאָגן". וואָס האָט י. ל. פּרץ געמיינט מיטן לץ אין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק"? וואָס פאַראַ פאַרבאָרגענישן ליגן אין באַשעוויס־זינגערס „גימפּל תם"? אָדער וואָס פאַראַ אידעע ליגט אין איציק מאַנגערס „רבינו תם"?

אָבער דאָס אַלץ איז גוט צו טון שפּעטער. פריער אָבער טאָרן דעם שרייבער ניט אַוועקגעשטעלט ווערן קיין שום פאַרלאַנגען. בלויז אַזאַ מין ליטעראַטור־קענער ווי לענין האָט זיך געקאָנט דערלויבן צו ענטפערן אויף דער פראַגע „וואָס ליטעראַטור דאַרף זיין": „ליטעראַטור מוז ווערן די אינטעגראַלע טייל פון אַן אָרגאַניזירטער פּלאַנירטער אַרבעט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי". עס איז, פאַרשטייט זיך, אַ גרויסער מהלך פון וולאַדימיר איליטשעס געבאָט ביז צו דער פאָרמולירונג פון י. הירשהויט, אָבער ערגעץ איז דאָ פאַראַן אַ שאָטן פון אַן עכאָ.

* * *

די צווייטע באַטייליקטע אין דעם סימפּאָזיום פון פּען־קלוב איז געווען כאַסיע קופּערמאַן. זי האָט אַ נאָמען געגעבן איר וואָרט „פאַרוואָס טראַדיציע?". דאָס הייסט, אַז ווען עס קומט צום אויסקלייבן צווישן די צוויי זאַכן, טראַדיציע און מאָדערניזם, קלייבט זי אויס דאָס ערשטע. זי האָט אָנגעהויבן אירע אַרגומענטן מיטן פּאָפּולערן בייַשפּיל פון אַ פּענדולום, אַן אומרו פון אַ שטיי־זייגער. אַז פּונקט ווי דער אומרו פון אַ זייגער וויגט זיך כסדר אַהין און אַהער, פון פּונקט אלף ביז צום פּונקט בית און קומט צוריק צום פּונקט אלף (כדי ווידער זיך אומצוקערן צום בית), אַזוי איז אויך דער מענטשלעכער גייסט, וואָס האַלט אין איין שוועבן צווישן צוויי עקסטרעמען.

איך בין מודה, אַז דאָס וואָס כאַסיע קופּערמאַן האָט געזאָגט שפּעטער, צו אילוסטרירן דעם פּענדולום־אַרגומענט, איז מיר געווען נישט קלאָר. רעדנדיק וועגן „שוואונג" (וועגן דעם הוידען זיך פון אומרו) אין דער וועלט־ליטעראַטור מאַכט כאַסיע קופּערמאַן אַזעלכע שנעלע און קאָפּ־שווינדלדיקע שפּרייזן. „טראַדיציע און קלאַסישקייט רופן צו ראָמאַנטישקייט. לירישקייט און ראָמאַנטישקייט פירן סוף כל סוף צו רעאַליזם. רעאַליזם, וואָס איז אַ מין דידאַקטיק, רופט אַרויס אימפּרעסיאָניזם, „אַ ספּעציעלע באַנייאונג פון ראָמאַנטישקייט מיט אַן אונטערשלאַק פון רעאַליזם. אימפּרעסיאָניזם רופט אַרויס סור־רעאַליזם, דאָס הייסט עקספּרעסיאָניזם"... און אַזוי ווייטער און ווייטער.

עס איז זיכער מיין אייגענע שולד, וואָס איך האָב דאָ נישט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט.

די גאַנצע מעשה מיטן פּענדולום איז אפשר אַ גאַנצע מעשה, אָבער נישט מער ווי אַ האַלבער אמת. עס איז טאַקע אמת, אַז דער אומרו פון גייסט באַוועגט זיך אַהין און אַהער, אַז ער הייבט אָן ביים פּונקט אלף און לויפט אַריבער צום פּונקט בית, אָבער ווען ער קערט זיך צוריק, איז עס שוין מער נישט דער אַלטער, נאָר אַ נייער אלף, וועלכער לויפט צוריק צו אַ נייעם און נישט צום אַלטן בית. ווייל טאָמער ניט, טאָמער וואָלט טאַקע דער מענטשלעכער גייסט (און דער גייסט פון קונסט) זיך אויפגעפירט אַזוי סיסטעמאַטיש ווי דער אומרו פון אַ זייגער, וואָלטן מיר איצט אַלע כסדר געשטאַנען אויפן זעלבן אָרט, וואָלטן די היינטיקע יידן געלעבט ווי אין די צייטן פון אברהם אָבינו, מאָלערס וואָלטן געמאָלן ווי אין די פּאַרצייטישע היילן, שרייבערס וואָלטן געשריבן ווי האָמער און די „צוקונפט" וואָלט נישט געדרוקט געווען אין אַ דרוקעריי אויף פּאַפּיר, נאָר וואָלט אויסגעקריצט געוואָרן אויף שטיינער אַזוי ווי די עשרת הדברות.

„היינטיקע שרייבערס — זאָגט כאַסיע קופּערמאַן — וואָס האָבן אַדורכגעמאַכט די צעטרייסלונג און דערשיטערונג פון זייערע וואָרצלען, בויטיקן זיך אין סטרוקטור, אין זעלבסט־זיכערקייט, אין דעם באָדן פון אַ געוויסער טראַדיציע, וואָס זאָל פעסטשטעלן ווערטן און קאָנען טרייסטן". וואָס הייסט דאָס אַלץ? כ'בין ווידעראַמאָל מודה, אַז כ'פאַרשטיי נישט, וואָס דאָ איז געזאָגט געוואָרן. שרייבערס האָבן אַלע מאָל געדאַרפט האָבן „סטרוקטור" און האָבן געדאַרפט האָבן זעלבסטזיכערקייט" און אַ באָדן פון אַ „געוויסער טראַדיציע". און וואָס הייסט עס, אַז טראַדיציע זאָל „פעסטשטעלן ווערטן" און „קאָנען טרייסטן"? דאָס אַלץ איז נעפּלדיק און מטושטש, און אויך שעדלעך.

יאָ, אַפילו שעדלעך. אין ניו יאָרק גייט אַרויס אַ זשורנאַל פון יונגע יידיש־אידעאַליסטן, וואָס הייסט „יוגנטרוף". האָט דער „יוגנטרוף" ניט לאַנג צוריק אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלן נומער, וואָס האָט אַרויסגעפירט זעקס יונגע און נייע יידישע שרייבערס. באַקלאָגט זיך דאָרט איינע אַזאַ פּאָעטיקע אָנפאַנגערין אַז עס איז איר שווער צו זיין אַ יידישע שרייבערין. און ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל זי האָט נישט געלעבט אין שטעטל, ווייל זי מוז לערנען וועגן שטעטל פון אַ „צווייטער האַנט". און די סיבה פון דעם נאָנסענס (אַז מען קאָן זיין אַ יידישער שרייבער בלויז ווען מען איז אָנגעזאַפּט מיטן שטעטל) נעמט זי דערפון, וואָס מען האַקט כסדר אין קאָפּ אַריין, אַז בלויז אין שטעטל איז דער ייד געווען „עכט". אַזוי ווי די מיליאָנען יידן וואָס לעבן איבער דער גאָרער וועלט וואָלטן געווען פאַנטאָמען און שאָטנס, וואָס לעבן אין צוויי דימענסיעס, פון וועמען אַ יידישער שרייבער האָט גאָרנישט וואָס צו שעפּן.

אַזעלכע גערעדערייען זענען שעדלעך קודם כל דערפאַר, ווייל זיי זענען נישט אמת. דאָס לעבן פון אַ יידישן יחיד אין היינטיקן באָסטאָן, אין סאַסקאַטשעוואַן אָדער אין יאָהאַנעסבורג איז נישט ווייניקער פאַסצינירנדיק, ווי עס איז געווען דאָס לעבן פון אַ ייד אין מזרח־אייראָפּע. דאָס גערעדעריי איז אויך שעדלעך דערפאַר, וואָס אַ סך יידישע שרייבערס נעמען עס אָן ווי אַ געבאָט און דער רעזולטאַט איז, אַז

קעהאַס קליגער (בוענאָס־איירעס)

# פינף טריאָלעטן

## אַ יאָדלע

די יאָדלע, גרין אַרויף פּאַרקעמט,
אין סקווערל שטייט זי פון אַ זייט.
גאַוהדיק שלאַנק, אַרומיק פרעמד —
די יאָדלע גרין אַרויף פּאַרקעמט.
דאָס ביימערוואַרג איז נישט פאַרשעמט:
דער דונער טרעפט באַענט און ווייט.
די יאָדלע, גרין אַרויף פאַרקעמט,
אין סקווערל שטייט זי פון אַ זייט.

## פאַרלאָזטער גאָרטן

דער גאָרטן שטאַרבט יעדע מינוט,
דער לעצטער מענטש דאָ איז אַוועק,
געלער וועלק אויף רעטעכלעך רוט,
דער גאָרטן שטאַרבט יעדע מינוט.
אויף ציבעלעס שטויביקער ברוד,
אַרבעסשויטן קראַמפּן אין שרעק.
דער גאָרטן שטאַרבט יעדע מינוט,
דער לעצטער מענטש דאָ איז אַוועק.

## שטיקלעך שויבן

שטיקלעך שויבן שרעקן, מיין גאָט,
קיין צורת מענטש מ׳זעט נישט אין זיי.
האַקן פּלוצעם איבער דעם טראָט —
שטיקלעך שויבן שרעקן, מיין גאָט.
פינצטערן ווי אויגן פון קראָט —
אַן אייביקע נאַכט עלעהיי.
שטיקלעך שויבן שרעקן, מיין גאָט,
קיין צורת מענטש מ׳זעט נישט אין זיי.

## שטייניקער עלנט

עלנט ליגט דער שטיין ווי אַ שטיין,
אַזוי בייטאָג, אַזוי ביינאַכט.
נישט צו רירן זיך פון אָרט, גיין —
עלנט ליגט דער שטיין ווי אַ שטיין.
אויך שטאַרבן וועט ער דאָ אַליין,
אַן אייביקייט אַנגסטיק ער טראַכט.
עלנט ליגט דער שטיין ווי אַ שטיין,
אַזוי בייטאָג, אַזוי ביינאַכט.

## אַ פרוי

די פרוי איז אַלט, די באַרשט איז אַלט,
זי קערט דעם הויף, זי קערט און הוסט.
אין הויף איז נאַס, אין הויף איז קאַלט —
די פרוי איז אַלט, די באַרשט איז אַלט.
פון שוואַכע הענט די באַרשט איר פאַלט,
פאַלט שטיקל בלוט פון קוואַרער ברוסט.
די פרוי איז אַלט, די באַרשט איז אַלט,
זי קערט דעם הויף, זי קערט און הוסט.

---

היינט, אין 1978, זיצן יידישע פּראָזאַאיקערס און פּאָעטן און שרייבן אויף די זעלבע טעמעס און אין זעלבן נוסח ווי מען האָט געשריבן מיט 80 יאָר צוריק. דאָס הייסט, אַז ביי זיי איז מקוים געוואָרן דער פּענדולום פון כאַסיע קופערמאַן — אָבער אויף אַן אופן, וואָס הענגט אויף אַ קלאָפּשלאָס אויף דער יידישער ליטעראַטור.

* * *

אומקערנדיק זיך צו דער טעמע „טראַדיציע און מאָדערניזם״, אָדער בעסער געזאָגט. צו דער טעמע, וואָס עס איז דער חוב פון יידישן שרייבער — איז דער ענטפער, אַז דער יידישער שרייבער — פונקט ווי דער גויאישער — האָט נישט לגבי קיינעם קיין שום חובות, ער האָט בלויז איין חוב: צו זיך אַליין. צו זיין אייגענעם טאַלאַנט. צו זיין אייגענער קינסטלערישער ערלעכקייט און צו זיין אייגענער איינזאַמקייט. ווייל עס איז נישטאָ נאָך אַזאַ איינזאַמע פּראָפעסיע ווי עס איז שרייבן.

און די איינזאַמקייט טאָר נישט געשטערט ווערן. זי דאַרף נישט האָבן קיין צוגעשפּעטע לייטשן, און אַז עמעצער זאָל שטיין אין דרויסן און ציען און אַנווייזן אין וואָס פאַראַ ריכטונג דער שרייבער זאָל פאָרן.

---


מיר זיינען דורכגענומען מיט גרויס צער צו־ליבן אַוועקגיין אין דער אייביקייט פון אונדזער טייערן פריינד, דעם איבערגעגעבענעם יידישן קולטור־טוער, דעם אוהב יידיש, דעם האַרציקן מענטש

**אפרים ראָזענטאַל ע״ה**

געשטאָרבן אין סאַן מאַטעאָ, קאַליפאָרניע.
מיט כבוד דערמאָנענען מיר זיין אָנדענק.

מיר דריקן אויס אונדזער טיפסטן מיטגעפיל דער אלמנה

**פרידאַ ראָזענטאַל,**

דער טאָכטער מיטן איידעם

**לינדאַ און ד״ר הערבערט מענקין**

און די אייניקלעך.

**אורווינג און ליליען פיינערמאַן**

סאַן מאַטעאָ, קאַל.

# בריוו אין רעדאַקציע

## וועגן דער ייוואָ־אויסגאַבע: בילד פאַר מיינע אויגן

חשובער רעדאַקטאָר,

די ידיעה, אַז דער ייוואָ האָט אַרויסגעגעבן אַ באַנד א. נ. אַ בילד פאַר מיינע אויגן. אַ פאָטאָגראַפישע געשיכטע פון יידישן לעבן אין פוילן, 1864—1939 מיט איבער 300 אילוסטראַציעס, האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ גוואַלדיקע פרייד און אינטערעס. ערשטנס האָב איך אַ סך יאָרן געאַרבעט אין ייוואָ און, דער עיקר, איך שטאַם פון פוילן און בין פאַראינטערעסירט אַז יידן אין גאָר דער וועלט, און אויך די קריסטלעכע וועלט, זאָלן זיך אָפּגעבן אַ דין־וחשבון פון דעם וואָס מיר ווי אַ פאָלק האָבן פאַרלוירן אין דער היטלער־קאַטאַסטראָפע.

איך האָב זיך איינגעשאַפט צוויי עקזעמפּלאַרן מיטאַמאָל (איינעם ווי אַ מתנה פאַר אַ פריינט), און אין מיין גרויסער איילעניש האָב איך אַריינגעטראָגן דאָס בוך צו מיינעם אַן אינטעליגענטן שכן, כדי אים צו באַווירקן ער זאָל זיך איינשאַפן די וויכטיקע אויסגאַבע. צו מיין איבערראַשונג האָט מיר מיין שכן געוויזן אַן אַלבאָם א. נ. „די פאַרשוואונדענע וועלט“, וואָס זיין פאָטער האָט אים איבערגעלאָזט בירושה. דער אַלבאָם איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אונטער דער רעדאַקציע פון רפאל אַבראַמאָוויטש, דורך דער „פאָרווערטס“־אַסאָסיאיישאָן, אין 1947. איך האָב אויסגעליען די אויסגאַבע זי איבערצוקוקן.

איך האָב ניט קיין ווערטער אויסצודריקן די שטימונג וואָס האָט מיך באַהערשט ביים דורכקוקן די אַזוי רייכע קאָלעקציע, וואָס נעמט אַרום בילדער פון אַלע מזרח־אייראָפּעאישע לענדער וואו יידן האָבן געפירט אַן אינטענסיוו און רייך יידיש לעבן. אין דעם פרט איז דער בוך אַנדערש ווי די ייוואָ־אויסגאַבע וואָס באַשרייבט בלויז דאָס יידישע לעבן אין פוילן. איך וויל בלויז דאָ זאָגן, אַז דער ייוואָ־בוך האָט מיך אַ ביסל אַנטוישט. איך בין נישט קיין היסטאָריקער און נישט קיין ליטעראַטור־קריטיקער און וויל נישט נעמען קיין וואָרט וועגן דעם טעקסט. די דערקלערונגען אונטער די פאָטאָגראַפיעס זיינען פיינע און צופרידנשטעלנדיקע און מ׳קען פון זיי אַ סך לערנען, וואָס דאָס איז זייער וויכטיק. די געשיכטע־טייל קאָן ניט זיין אויסשעפנדיק, ווייל זי מוז זיין אונטערגעוואָרפן די בילדער. עס איז אָנגעגעבן זייער אַן אויסשעפנדיקע ביבליאָגראַפיע, טאַבעלעס, מאַפעס, זוכצעטלען זיינען, פאַרשטייט זיך, אימפּאָזאַנט און זיינען אַ גוטער מאַטעריאַל פאַר פאָרשער. אָבער מיך האָבן קודם־כל פאַראינטערעסירט די פאָטאָגראַפיעס. און אין דעם פרט איז דער אַלטער אַלבאָם אָן צווייפל רייכער. דאָרט זיינען פאַראַן בילדער וואָס שילדערן ניט נאָר די פאָר גרעסערע שטעט, נאָר די קליינע שטעטלעך, די מאַרק־פלעצער, די גאַסן, די אינטערעסאַנטע געביידעס, בתי־מדרשים, וואָס ווייזן דעם אָריגינעלן יידישן קאָלאָריט. אייניקע בילדער, דאַקעגן, פון ייוואָ־בוך זעען מיר אויס צו זיין ניט אַזוי וויכטיק. און די בילדער פון קינדער וואָס האָבן מיך גערירט ביז טרערן זיינען אַ סך מער אָנגעגעבן אין דעם אַלטן אַלבאָם. אַפילו פון די גרויסע שטעט האָט מען געקענט געבן מער בילדער. מיר האָט ווי געטאָן וואָס מיין שטאָט ווילנע איז אַזוי אָרעם רעפּרעזענטירט, הגם עס זיינען פאַראַן רייכע קאָלעקציעס פון לייזער ראַן און וואָראָבייטשיק. דער 30־יעריקער אונטערשייד וואָס טיילט אָפּביידע אויסגאַבעס האָט דאָך געדאַרפט פּראָדוצירן אַ בעסער ווערק. פאַרוואָס בלויז 300 בילדער?

אויסערלעך מאַכט די ייוואָ־אויסגאַבע זייער אַן אימפּאָזאַנטן איינדרוק. דאָס איז מסתמא אַדאַנק דעם עסטעטישן צוגאַנג פון דעם באַרימטן שאָקען־פאַרלאַג.

דער עיקר וואָס האָט מיך באַוואויגן צו שרייבן די עטלעכע ווערטער, איז: כ׳וואָלט געוואָלט, אַז די יונגע מענטשן וואָס שטודירן די מזרח־אייראָפּעאישע קולטור ביים ייוואָ אין די לעצטע יאָרן, זאָלן זיך אָפּגעבן ערנסט מיטן פאָרשן די פאַראַנענע מקורים און לערנען זיך אַ סך פון זיי.

**צעשע בורשטין**

---

## מאַנגער־פּרעמיע פאַרן יאָר 1978

די פאַרטיילונג פון „איציק מאַנגער - פּרייז פאַר ליטעראַטור־שאַפונג אין יידיש“ פאַרן יאָר 1978 (צענטע פאַרטיילונג) איז פאָרגעקומען אין זאַל פון „הבימה“־טעאַטער אין תל־אָביב, דעם 24 מאַי 1978. די הייאָריקע לאַורעאַטן זיינען:

אורי־צבי גרינבערג, דער העברעאיש - יידישער דיכטער, האָט באַקומען אַ פּרייז וואָס איז באַשטימט פאַר יידיש־שאַפערס אין מדינת ישראל.

עלי שעכטמאַן, דער פּראָזאַאיקער, האָט באַקומען אַ פּרייז באַשטימט פאַר יידיש־שאַפערס אין מדינת־ישראל.

רחל פישמאַן, די דיכטערין, האָט באַקומען אַ פּרייז באַשטימט פאַר יידיש־שאַפערס אין מדינת ישראל.

מאיר שטיקער, דער דיכטער, האָט באַקומען אַ פּרייז וואָס איז באַשטימט פאַר יידיש־שאַפערס אין חוץ־לארץ.

מרדכי שטריגלער, דער עסייאיסט און דערציילער, האָט באַקומען אַ פּרייז באַשטימט פאַר יידיש־שאַפערס אין חוץ־לארץ.

נחמה ליפשיץ, די זינגערין און בינע־קינסטלערין, האָט באַקומען אַן ערן־פּרייז פאַר אירע וויכטיקע פאַרדינסטן אויפן געביט פון יידישער קולטור און טעאַטער - קונסט.

די זשורי איז היי־יאָר באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע מיטגלידער: שלום ראָזענפעלד, פאָרזיצער; פּראָפ. דב סדן; ל. פאָדריאַטשיק; אַברהם סוצקעווער; מרדכי צאַנין — מיטגלידער פון דער זשורי; א. רובינשטיין — סעקרעטאַר.

אין דער מאָטיווירונג פון אירע באַשלוסן האָט די זשורי געגעבן אַן אויספירלעכן און טיף־באַגרינדעטן באַריכט פון די קינסטלערישע מעלות פון די באַזונדערע לאַורעאַטן און פון זייערע פאַרדינסטן פאַר דער יידישער ליטעראַטור און קולטור.

ווי אַלעמאָל איז משך פון די לעצטע צען יאָר איז די צערעמאָניע פון דער פּרייזן־פאַרטיילונג פאָרגעקומען אין אַ פייערלעכער שטימונג, ביי אַ גרויסן עולם פריינט און ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראַטור.